# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת ויצא
ט' כסלו תשפ"ב
יאר 2 גליון 30

## פרי 1 עי שטעטל - אדי שטראססער

איך האב זייער שטארק געבעטן די אז מיין טיטשער זאל אויפהענגען מיין פעיפער פון די עצתו אמונה פאר קינדער און שכח אייבערשטער אז מיין טיטשער האט עס אויפגעהאנגען



## ערשטע קלאס שטעטל - רבקי וועבערמאן

מיין מאמע האט געזאגט אז אפשר גיי איך קענען גיין צו די מלוה מלכה פון די שבת התוועדות פון די מיידלעך. איך האב געבעטן דער אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מיך לאזן און שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין!



## דריטע קלאס וויליאמסבורג - דבורי לעווי

איך האב מיך זייער שטארק אפגעבריט און איך האב געבעטן דער אייבערשטער אז עס זאל מיך נישט וויי טון און עס זאל זיך שנעל אויסהיילן, ש'כח אייבערשטער אז עס טוט שוין נישט וויי און עס איז שוין אויסגעהיילט!



## פיפטע קלאס שטעטל - יוכבד זוסמאן

איך האב געבעטן דער אייבערשטער אז איך זאל נישט פארפאסן די באס און שכח אייבערשטער איך האב עס נישט פארפאסט!




## פיפטע קלאס וויליאמסבורג - לאה'לע שווארץ

איך האב געהאט אן אינפעקשן, איך האב געמאכט זייער אסאך תפילות אז עס זאל זיך אויסהיילן, ב"ה דער אייבערשטער האט אויסגעהערט מיינע תפילות און עס האט זיך שוין אויסגעהיילט.



## בית פיגא וויליאמסבורג - אסתי קליין

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דער אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין אין בית פיגא סקול און שכח אייבערשטער אז איך בין אין בית פיגא סקול!

# מוסר השכל פון עצתו אמונה פאר קינדער

פרשת חקת תשפ"א

# לאז זיך נישט נארן



מיר האבן יעצט געליינט א מעשה וואס א אינגל
איז ארומגעלאפן א גאנצן טאג מיט פארמאכטע
הענט און אלע קינדער זענען אים נאכגעלאפן!
איך לערן מיך ארויס אז די יצר הרע מאכט אלע
נישט גוטע זאכן אויסקוקן פאר די בעסטע זאך,
און אלע מענטשן פאלגן אים. און ביים סוף, ווען
ער עפענט אויף די האנט, זעהט מען גארנישט!

דורך: פייגי בוים

# פון אונזערע לערערינס...

יום ה' פרשת תולדות שנת תשפ"ב

לכבוד מיין טייערע תלמידה...תחי'

איך האב זייער הנאה אז דו דאווענסט אזוי שיין אפילו עס איז דיר שווער. ספעציעל שמונה עשרה איז דיר שווער מיטצוזאגן שטייט מיט די קלאס און דאך טוסטו עס! האלט ווייטער אן זיך צו פירן ערוואקסן- mature, ווייל דאס וועט דיר מאכן באליבט ביי יעדן. יעדער וויל זיין פרענדס מיט א מיידל וואס זי קוקט ארויף. און ווען מען קוקן מיידלעך ארויף? א מיידל ווי דיר, וואס פירט זיך mature, זי רעדט נישט נאריש... אזא מיידל וואס זוכט נישט צו באקומען attention פון זאגן funny זאכן אינמיטן קלאס. האלט ווייטער אן דיין גוטע אויפפירונג ווענסטו האבן א גוטע נאמען אין "בית פיגא", און ווענסט קענען איין טאג זיין א גוטע טיטשער דא!

איך האב דיר זייער ליב!

מיט ליבשאפט,

# בעל שם טוב

איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב געווען מיט זיינע תלמידים און ער האט זיי אויסגעלערנט אז אלעס פירט די אייבערשטער מיט א פונקטליכע חשבון. אלעס האט א פונקטליכע פלאץ וואו עס דארף זיין. אפילו א בלעטל פאלט אראפ פונקט וואו דער אייבערשטער וויל. און דער בעל שם טוב זאגט פאר זיינע תלמידים "הייבטס אויף די בלעטעלע דא". די תלמידים הייבן עס אויף, און מען זעהט א ווארים. האט דער בעל שם טוב געזאגט "די ווארים האט געבעטן דער אייבערשטער אז ער איז זייער הייס, האט דער אייבערשטער אים געשיקט א בלעטל כדי צו באשיצן פון די זון"! די ווארים איז מער נישט הייס. יעדער האט געזעהן אז דער אייבערשטער פירט אלעס מיט א פונקטליכע חשבון!



# אבריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

**... תחי', תלמידה בית פיגא**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.
איך פריי זיך זייער צו הערן אזעלכע שיינע גריסן פון מחנה בית פיגא.
אויך האב איך הנאה צו הערן אז איר זאגט יעדן טאג תהלים, איר האט שוין מסיים געווען פינף און זעכציג מאל ספר תהלים.
זייט ממשיך מיט אייערע גוטע מעשים, רעדט שיין צו יעדן איינעם, זייט מקרב די מיידלעך וואס האבן נישט קיין חבר'טעס, געבט יעדן איינעם גוטע ווערטער.
ועל כולם, איר זאלט גיין אביסל שפאצירן אין פעלד, דאנקען און בעטן דעם אייבערשטן.

פון דער ראש ישיבה

# RECIPE

**NO MIXER VANILLA CAKE**

2 CUPS FLOUR

2 CUPS SUGAR

1 TSP BAKING POWDER

6 EGGS

1 CUP OIL

1 TSP VANILLA EXTRACT



**DIRECTIONS:**

MIX ALL INGREDIENTS IN A 9X13 PAN. BAKE ON 350 FOR 1 HOUR.

געדענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען גוט!

# נייעס אין בית פיגא...

**שטעטל נייעס:**

~פרי 1-א איז שוין אזוי גרויס! זיי קענען שוין אלע א-ב. זיי גייען שוין כ'מעט מאכן זייער א-ב סיום!

זיי האבן שוין אנגעהויבן צו לערנען קמץ.

~דריטע קלאס האט גע'ענדיגט א חלק פון זייער אמירה נעימה זיי האבן געהאט א פייערדיגע סיום!

**וויליאמסבורג נייעס:**

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען די ראש חודש פראגראם אין די וויליאבסבורג סקול. מען האט געהאט א מעכטיגע פראגראם און מען האט געטאנצן לכבוד ראש חודש!

**קרית יואל נייעס:**

עס זענען אריינגעקומען 2 טייערע מיידלעך אין סקול!

# מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

**רייזי, חילע, רבקי און יוטי וועבערמאן**
**צו זייער נייע יונגל בעיבי!**

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

**שרי ראבינאוויטש (לייפער)**
**צו איר נייע מיידל בעיבי!**

# ש'כח אייבערשטער!

נאך א סאך תפילות האבן מיר ב"ה געקענט נאכאמאל אנהייבן צו מאכן די הערליכע גליון וואס אזויפיל מיידלעך איבער די וועלט זענען זיך מחי'!

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען ארויסגעבן יעדע וואך א גליון צו מחי' זיין אידישע טעכטער!

## א גוט שבת!



ברוקלין:

זמן ערב שבת: 4:25

זמן מוציא שבת: 5:52

ליבערטי:

זמן ערב שבת: 4:22

זמן מוציא שבת: 5:53

## קוואל פון חיזוק

212-444-9169

שמועס עס אויס....

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,3,3,132
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~